STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06743

YANKEV VASERMAN

A. Glanz-Leyeless

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. גלאנץ

יעקב וואסערמאן

אפהאנדלונג

Copyright 1919
By
JEWISH BOOK AGENCY, Inc.

1.

יעקב וואסערמאַן איז איינער פון די טיפּישסטע, כאַראַקטער־ריסטישסטע אידישע שריפטשטעלער פון עסטרייך.. כאָטש אַ געבירטיגער פון בייערן — ער איז געבוירען געוואָרען אין 1873, אין דער בייערישער שטאָט פירט — האָט ער אָבער די גרעסטע צייט פון זיין שריפטשטעלערישער טעטיגקייט פאַרבראַכט אין וויען, אין אָט דעם אַלטען אייראָפּעאישען קולטור־צענטער. זיין שאַפען איז אויך אַן אָרגאַנישער טייל פון דער גאַנצער עסטרייכישער און עסטרייכיש־אידישער מאָדערנער ליטעראַטור.

די עסטרייכישע ליטעראַטור פאַרנעמט אַ גאַנץ באַזונדערען אָרט אין דער גאַנצער אייראָפּעאישער ליטעראַטור. זי צייכענט זיך אויס מיט אַ באַזונדערער פאַרבען־רייכקייט, מיט אַ באַזונדערער פאַרשידענאַרטיגייקט. זי איז אייגענטימליך און אייגענאַרטיג, כאָטש אפשר ניט אינגאַנצען זעלבסטשטענדיג. זי איז גיכער ווי אַלץ אַ רעזולטאַט פון געמישטע איינפלוסען, ווייל אַזוי איז דאָס לאַנד, וואו אָט די ליטעראַטור איז געבוירען געוואָרען, ווייל אַזוי איז דאָרט די גאַנצע קולטור.

עסטרייך, כאָטש אַ בונד־גענאָסע פון דייטשלאַנד ביז׳ן לעצטען קריג, איז דאָך אייראָפּעאישער, ווי דייטשלאַנד. די קנופּען, וואָס האָבען צוגעבונדען עסטרייך צו פ ר אַ נ ק ר י י ך זיינען אַ סך פעסטער, און עלטער, ווי די פאַרבינדונג צווישען דייטשלאַנד און פראַנקרייך . עסטרייך האָט אויך אַמאָל געהאַט פאַרשפּרייט איהר ממשלה איבער איטאַליען, און די נידערלאַנדען, די מדינות פון דער רייכער פלעמישער קולטור, זיינען געווען עסטרייך׳ס וואַסאַל־שטאַטען.

דאָס האָט געמוזט האָבען אַ טיעפען איינפלוס אויף עסטרייך׳ס גייסטיג לעבען, אויף איהר קולטור און ליטעראַטור.

דאָס האָט באַשאַפען אַ מערקווירדיגע ראַפינירטקייט, אַ

שפּיעלעווידיגקייט, וועלכע איז ווייט פון דעם עכטען טעווטאָניזם פון אַ דייטשלאַנד, למשל, און וואָס איז פיעל נעהנטער צו דער טעמפּעראַמענטפולקייט און ליידענשאַפטליכקייט פון דער לאַטיינישער אייראָפּאַ, פון פראַנקרייך און איטאַליען. „וויענער שיק" איז ניט געוועזן קיין פוסטער קלאַנג, נאָר אַן אמת'ע ערשיינונג אין דעם לעבען פון עסטרייך. אין אָט דעם אויסדרוק האָבען זיך פאַרקערפּערט די דערמאָנטע ראַפינירטקייט און שפּיעלעווידיגקייט, וואָס צייכענען זיך אויס אין אַלע פאַזען פון דעם עסטרייכישען לעבען.

פון דער אַנדערער זייט האָבען די אַנגעוויזענע אומשטענדען צוזאַמען מיט דעם „שיק" אויך געשאַפען אַ טיעפערע ערשיינונג. אַ דראַנג פון זעלבסט־דערקענטניש, אַ ווילען צו דערגעהן דעם גרונד פון דעם פלאַנטער, אין וועלכען דאָס אייגענע לעבען איז פאַרוויקעלט; ווי אויך אַ שטרעבען צו עפּעס ווייטעס, אומגעוועהנליכעס, עקזאָטישעס.

און רעדט מען וועגען עסטרייך מיינט מען טאַקע קודם כל און הויפּטזעכליך ו ו י ע ן, ווייל וויען — יעדענפאַלס איז עס אַזוי געוועזן ביז פאַר דער מלחמה — איז די פאַרקערפּערונג און דער פאָקוס־צענטער פון עסטרייך'ס גאַנצען גייסטיגען לעבען.

דער וואָס איז נאָר אַמאָל געוועזן אין וויען און געזעהן איהרע גאַסען, איהר אַרכיטעקטור, איהרע מוזעאומס, בילדער־גאַלערעען, גערטנער, פּאַרקען, אָפּערא, טעאַטערס, קאַפעען, בולוואַרען, אַלערליי אַנשטאַלטען; ווער עס האָט געזעהן דאָס נאַכט־לעבען אין וויען; ווער עס האָט געזעהן דעם וויענער פּ ר אַ ט ע ר, וואָס ווערט אַזוי אָפט דערמאָנט ביי אַן אַנדער עסטרייך־אידישען שריפטשטעלער — אַרטור שניצלער; ווער עס האָט געזעהן דעם קאָנגלאָמעראַט פון סטילען און קאָסטיומען, און געהערט דאָרט דעם בבל פון שפּראַכען; ווער עס ווייס אויך דעם גרויסען אָרט, וואָס עס פאַרנעמען אין וויען די אידען —

י. וואסערמאן

דעם ערשיינט די עסטרייכישע ליטעראטור ווירקליך ווי דאס אמת'ע דאס זעלבסט־פארשטענדליכע גייסטיגע קינד פון וויען.

וויען!

די רעזידענץ פון דער עלטסטער אייראפעאישער דינאסטיע'; די הויפטשטאדט פון אן אימפעריע וועלכע האט צוזאמענגעהאלטען די פארשידענסטע עלעמענטען, א קאנגלאמעראט פון נאציאנאליטעטען און אינטערעסען; דער צענטער פון א שטאט, וועלכער איז גרויס געווארען ניט דורך פיזישען כח, ניט דורך ארגאניזאציע, ניט דורך שטאטס־באפעסטיגונג, נאר דורך פאליטישע און דיפלאמאטישע אינטריגעס, דינאסטישע חתונות; דער מיטעלפונקט פון א מלוכה, וועלכע — איז גענזאץ צו דייטשלאנד, וואס איז אין איהר הויפט־טייל געווארען קרעמעריש־מאטעריאליסטיש־פראטעסטאנטיש — איז געבליבען ראמאנטיש־מיסטיש־קאטויליש, מיט דער טראדיציע פון דער „רוימישער אימפעריע", די באשיצערין פון דעם פאפסטליכען טראן און דער הייליגער קירך — איז וויען ווי צוגעפאסט געווארען צו ווערען אויך די היים פון אן עקזאטישער קולטור, וואו די קולטור־טרעגער זיינען פול מיט ווידערשפרוכען, צווייפלען, זוכענישען, זעלבסט־פארשונגען און אומבאשטימטע בענקשאפטען און פארלאנגען.

האלב־מיטעלאלטעריש און בורזשואז־איבערזעטיגט; קאטויליש־מיסטיש און קאפיטאליסטיש — קאנקרעט; גאט־זוכנדיג און געלט־זוכענדיג; אינערליך צוריסען און אויסערליך איבערגעוואלט צונויפגעבונדען — דאס איז די אטמאספערע פון וויען, דאס איז די יאהרהונדערטער אלטע סביבה, אין וועלכער עס האבען זיך אנטוויקעלט דורות נאך דורות קינסטלער: מאלער, מוזיקער, פאעטען, שריפטשטעלער.

אין אט דער פארשידענפארביגער און פארשידענטאניגער סביבה איז די אזוי אויך צוריסענע אידישע נשמה נאך מעהר

צוריסען געווארען, נאך מעהר געווארען פארפלאנטערט, דורכ־געלעכערט פון ווידערשפרוכען, צוויפלען, אינערליכע סתירות.

אין אט דער ספערע איז דער אומאויפהערליכער טאנץ פון דעם אידענטום צווישען די צווי פאליוסען פון זיין איך — צווי־שען מאטעריאליסטישער, גראבער נידעריגקייט און ערהאבענער גייסטיגקייט; צווישען מאראלישער געזונקענקייט, גאט־פארלא־זענקייט און דראנג נאך ערלייזונג און נאך גאט־געפינונג — נאך פאנטאסטישער, נאך שכור'ער, נאך כאאטישער געווארען.

טעאדאר הערצל דער זשורנאליסט און פעליעטאניסט פון דער וויענער „נייער פרייער פרעסע" און דער נביא פון דער נייסטער, גרויסער אידיש־נאציאנאלער אויפוואכונג, איז א וויענער. אזוי איז אויך אטא וויינינגער, דער יונגער אידישער געני, וועלכער האט צו פיער און צוואנציג יאהר אנגעשריבען א בוך, וואו ער האט לײדענשאפטליך באקעמפט אלע פיזישע לײדענשאפטען, וואו ער האט דאס ווייב און דאס געשלעכט ערקלערט אלס די טויט־שונאים פון דעם געטליכען מאן, און וואו ער האט דאס אידענטום — זיין אייגענע נשמה — אונטערגעווארפען צו א פלאמענדער, פלאנע־דעם אידישען פאלק געגעבען הערצלען, נארדוי'ן, אטא וויינינ־טיק."

וויענער זיינען אויך א גאנצע מחנה אידישע אדוואקאטען, באנקירען און דאקטוירים, א מחנה הארצלאזע, וואולגארע פאר־וועניוס, וועלכע ווייסען נים — אפשר קאנען זיי נים וויסען — ווען איין און ווען אויס, וועלכע פארגיפטען זייער אייגענע אט־מאספערע און שטעכען די אויגען פון די ליעבהארציגע קריסט־ליכע שכנים.

וויענער איז אויך דער ראפינירטער אנטיסעמיטיזם פון דער קריסטליכער אינטעליגענץ, און דער שוין גארניט ראפינירטער אנטיסעמיטיזם פון די „בעהערדע", פון בירגער מייסטער ביז'ן לעצטען שוץ מאן.

י. וואסערמאן

און א וויענער, טיפיש וויענער אידישער שריפטשטעלער איז אויך יעקב וואסערמאן.

* * *

עס זיינען ניט געווי באקאנט די איבערגאנגס־סטאדיען, דורך וועלכע וואסערמאן איז געקומען צו זיין זעלבסט־דערקענטניש אלס איד. עס איז א שטיקעל רעטעניש ווי אזוי דער ראפי־נירטער, פולשטענדיג אייראפעאיזירטער קולטור־מענש האט זיך מיט אמאל פארגעבען מיט דעם אידישען פראבלעם.

גיכער ווי אלץ איז דאס מסתמא געווען א רעזולטאט פון יענע טענדענצען אין דעם גייסטיגען לעבען אין די דייטשע לענדער, וועלכע האבען פון איין זייט געבוירען דעם אזוי געריפענעם ווי־סענשאפטליכען אנטיסעמיטיזם, און פון דער אנדערער — די דער־מאנונג ביי די אייראפעאיזירטע אידען אן זייער ראסע און שטאם. עס זיינען געווען אט די טענדענצען, וועלכע האבען דער וועלט און דעם אידישען פאלק געגעבען הערצלען, נארדוין, אטא וויינינ־גער'ן.

ווי די זאך זאל ניט זיין, דער רוהם און די רעפוטאציע פון יעקב וואסערמאן'ען אלס שריפטשטעלער איז פון אנפאנג אן באפעסטיגט געווארען דורך זיין ערשטען ראמאן „די אידען פון צירנדארף", א ווערק, וואו דער דיכטער טרעט ארויס אלס איד, אלס זעלבסט־באוואוסטער, אין זיך גריבלענדיגער, זיך אנאלי־זירענדיגער און זיך צו פארשטעהן זוכענדער איד.

אנגעשריבען אביסעל כאאטיש, נעמיש פון דער אריענטא־לישער פאנטאזיע פון א אידישען וויזיאנער מיט דער ראפיניר־טער, רעאליסטישער קולטורעלקייט פון אן אנטוויקעלטען איי־ראפעער, איז אט דער ראמאן האלב דיכטונג, האלבווארהייט, האלב קינסטלערישע פאנטאזיע און האלב פילאזאפישע ווירק־ליכקייט.

וואסערמאן אונטערזוכט אין אט דעם ראמאן דאס גאנצע וועזען פון דעם אידישען לעבען. ער וויל פארשטעהן דעם איי־

ביגעז אידישעז ווידערשפרוך. פוז איין זייט זעהט ער דעם אידישעז טרוימער, וועלכער הערט ניט אויף צו חלום'עז פוז ערלייזונג און וועלט־באפרייאונג. פוז דער אנדער זייט: דעם אידישעז באנקיר, דעם הארצלאזעז, קאנקרעטעז, ערדישעז מענש, וועלכער האט ליעב געלט, ווייל געלט גיט מאכט, און פאר וועלכעז עס עקזיסטירט ניט קיין העכערער שטרעבעז, ווי דאס שטרעבעז צו די מאטעריעלע, וואולגארע גיטער. וואס געלט קאז פארשאפעז.

ווי וועלענדיג איז פאראויס געבעז אז אינטערפרעטאציע פוז אט דעם פלאנטער, פוז אט דעם אייביגעז ווידערשפרוך, הויבט וואסערמאז אז זייז מערקווירדיגעז ראמאז מיט א פראלאג, וועלכער איז פונקט אזוי קינסטלעריש, פאעטיש שעהז, ווי פילאזאפיש טיעף. ער שילדערט דא די צייט פוז דעם פאלשעז אידישעז משיח שבתי צבי. ער ווייזט ווי אזוי די דערשלאגענע איינוואוינער פוז א קליינער. ענגער געטא איז בייערז זיינעז מיט אמאל אויפגעטרייסעלט געווארעז פוז דער זעלעז־אויפרעגענדער ידיעה, אז ערגיץ איז טערקיי האט זיך ענדליך באוויזעז דער לאנג־ערווארטעטער, לאנג־אויסגעבעטענער אידישער גואל.

שבתי צבי! שבתי צבי! דער אידישער משיח! דער ערלייזער איז געקומעז! די אידישע געמיינדע ווערט דורכגעציטערט. דאס גאנצע ביז־איצטיגע לעבעז פארלירט דעם זיז. צו וואס געלט און אנגעזאמעלטע גיטער! צו וואס ווייב און קינד? צו וואס די איינגעצאמטע, דורך יאהרהונדערטער ארויפגעצוואונגענע צניעות פוז דער אידישער טהרת המשפחה? אלע ווערטעז פארלירעז זייער ווערט. אלע ווענט און צאמעז צעפאלעז זיך. דאס גאנצע לעבעז ברעכט זיך. די אידישע געביכדינגע דערשלאגענקייט פארוואנדעלט זיך איז א הערא אישעז טרוים. עס פארשווינדט אויך די אייביגע אידישע געפאלענקייט פאר'ן גוי. ניטא מעהר וואס מורא צו האבעז פאר'ן גוי. משיח, משיח איז געקומעז!

י. וואסערמאן

מען פארקויפט האב און גוטס. געלט פארלירט מיט אמאל דעם אלטען, אלמעכטיגען ווערט. מען וויל זיך מעהר ניט איינ־צאמען, קאנטראלירען. די דערשטיקטע ליידענשאפטען ברעכען זיך דורך דער אויבערשטער הויט פון יאהרהונדערטער אנגעלייגטע מאראלישע צאמען. די אידישע געמיינדע פראוועט ווילדע ארגיעס. אידישע יונג־פרויען גיבען זיך איבער עפענט־ליך צו אלטע רבנים. פרומע אידישע ווייבער רייסען פון זיך אראפ די קליידער און ערשיינען אלס אדאליסקען מיט ברענענ־דער ליידענשאפט אין די אויגען און אין די שמעכטיגע גלידער. יונגלינגען און בתולות שטארבען אין עקסטאז.

דאן לאזט מען זיך פארען. וואוהין? צו באגעגנען משיח'ן! זיך אנצושליסען אן דעם ערלייזער, אן שבתי צבי'ן. פיעלע שטארבען, נאך איידער זיי קלייבען זיך ארויס. אבער ווען ארט עס? זאלען די מתים באגראבען אדער ניט בא־גראבען ווערען! די לעבעדיגע מוזען אבער געהן און זיך פאר־איינינען מיט משיח'ן.

שפעטער קומט די פורכטבארע אנטוישונג. די עקזאלטירטע אידען קומען פנים לפנים מיט דער פיינדליכער קריסטליכער וועלט, וועלכע דערשרעקט זיך, וועלכע קריגט מיט אמאל מורא צו פארלירען די פארהאסטע, אבער דאך אזוי נויטיגע אידען. די נייע זוכער פון ערלייזונג און פון דעם פארשפראכענעם לאנד ווערען ברוטאל צוריקגעטריבען.

דער פאר'שכור'נדער טרוים קומט אין קאנפליקט מיט דער ניכטערער ווירקליכקייט, און דער טרוים ווערט באזיגט.

דער איינציגער רעאלער רעזולטאט איז די גרינדונג פון דעם אידישען דארף „ציון־דארף", אין ביירען, וואו עס באזעצען זיך די איבערגעבליבענע פון די אידען, וועמען די קריסטען האבען ניט געלאזט פארען צו שבתי צבי'ן. מיט דער צייט ענדערען די קריסטען דעם נאמען ציון־דארף אויף צירנדארף, און דא ערשיינט

י. וואסערמאן

אויף דער סצענע דער העלד פון דעם גאנצען מערקווירדיגען ראַ־מאן — אגאטאן.

ווי צו סימבאליזירען, אז די ערלייזונג פון דער וועלט וועט קומען פון דער פולשטענדיגער פאראייניגונג צווישען מזרח און מערב, צווישען דער אידיש־אריענטאלישער און דער קריסטליך־אקצידענטאלישער וועלט, איז אגאטאן ניט קיין ריינער איד. אין זיינע אדערען פליסט אויך קריסטליך בלוט. ער קומט ארויס פון א ניט־אידישען פאטער, וועלכער האט זיך געליעבט מיט א אידישער מיידעל. ניט ער, ניט די וועלט ארום ווייסען דערפון.

אגאטאן איז א ליכטיגע געשטאלט, א מין נביא, איינער, וואס האט אין זיך דעם נצוץ פון א משיח. ער וויל ברענגען ער־לייזונג. פאר זיך, פאר זיין פאלק, פאר דער גאנצער וועלט. אזא דראנג איז עכט אידיש. יעדע אידישע ערלייזונג — פון זינט די אידען האבען אויפגעהערט צו זיין אן עכט פאליטיש פאלק—משה איז נאך געווען בלויז א אידיש־נאציאנאלער ערליי־זער — איז געווען קאסמאפאליטיש אין שטרעבונג. אגאטאן האט ניט ליעב די אידישע אומגעבונג. איהם איז דערווידער זיין זיידע ענאך פאהל, דער אלטער הארצלאזער קמצן, וועלכער האלט ערגיץ פארגראבען זיין געלט, און ער וויל אפילו זיין אייגענער טאכטער אין דער נויט ניט העלפען. איהם עקעלט פון זיין רייכען קרוב, דעם באראן לעווענגארד, וועלכער איז גרייט לייכט, ווי א האר פון מילך, צו רואינירען הונדערטער פאמיליען דורך א באנק־קראך, אבי ער קאן נאר ארויס טרוקען פון וואסער. איהם איז אמאל נאהענט, א מאל וויים, זיין אייגענער פאטער עלקאן, דער שוואכער, נעביכדיגער איד, וואס ציטערט אימת מות פאר׳ שטארקען גוי. דער עיקר איז איהם דערווידער די גאנצע אידישע סביבה, דאס אידישע לעבען, וואס האט זיך, ווי אן אויסטער באהאלטען אין דער שאלעכץ פון דער אינערליכער תורה־ פארהערליכונג, מיט איהרע הויכע פרינציפען, אבער וואס

י. וואַסערמאַן

פֿליסט אויסערליך ווי אַ זומפּיג וואַסער, פֿול מיט שימל, מיאוס, און אומאָנגענעמע גערוכן. אַגאַטאָן וויל זיין ש ט אַ ר ק. און דערפֿאַר שטעלט ער זיך אַנטקעגן דעם טיפּישן גוי פֿון זיין שטעטל צ י ר י ך ש פּ ע ר ל י נ ג. דער טעווטאָן שבטשוועסטער, דעם ברייט־פּלייציגן בלאָנדן טיר, וועלכער האַסט די אידען מיט אַ טויטליכער שנאה. ער שווערט נקמה אַן אַט דעם קריסט, וועלכער באַליידיגט זיין שוואַכן פֿאָטער און זיין גאַנץ פֿאָלק. און מיט דער הילף פֿון אַ ליידענשאַפֿטליכן וואונש, פֿון אַ ליידענשאַפֿטליכן גייסטיגן באַשלוס — אַזוי יערענפֿאַלס גלויבט אַגאַטאָן אַליין — ברענגט ער דעם טויט אויף ציריך שפּערלינגן.

אַגאַטאָן איז נאָך אַ אינגעל. אין דער שולע, וואו ער לערנט קומט ער פּנים אל פּנים מיט דער איצטיגער אייראָפּעאישער קולטור, ווי זי ווערט געשמידט אין די שולען, און זי געפֿעלט איהם נים. ער קריטיקירט שאַרף דאָס גאַנצע דייטשע שול־וועזן אין אַ שילער־קאָמפּאָזיציע, און באַפֿאַלט אַזוי שטאַרק די שול־סיסטעם, וועלכע ער באַשולדיגט אין טרוקענקייט, זאַפֿטלאָזיגקייט, אין פֿאַרפֿיהרונג און דערשטיקונג פֿון דעם לעבעדיגען לעבען, וואָס ברויזט אין די אַדערען פֿון דער יוגענד, אַז ער ווערט פֿאַר זיינע געוואַגטע מיינונגען אַרויסגעטריבען פֿון דער שולע.

אַגאַטאָן באַשליסט אויך אַוועקצוגעהן פֿון זיין היים און זיין פֿאָלק. איהם געפֿעלט ניט דאָס אידישע גייסטיגע לעבען. איהם איז צו ענג אין דער גייסטיגער געטאָ. ער וויל אַרומנעמען די גאַנצע וועלט, באַפֿרייען זיך דורך דער באַפֿרייאונג פֿון דער גאַנצער וועלט.

ער געהט אַוועק!

און מיר זעהען איהם וואַנדערען צווישען מענשען און פּאָסירונגען. אַט פֿיהרט ער אַ פּראָצעסיע פֿון אויפֿגערעגטע בירגער, וועלכע פֿאַרברענען אַ קירך אַלס סימבאָל פֿון דער איצטיגער פֿאַרשטיינערטער מאַטעריעלער און גייסטיגער קולטור פֿון דער מענשהייט. אַט איז ער אַן דער שפּיץ פֿון אַ פֿויערים־מחנה, וועלכע וויל

באפרייען דעם וואנזיניגען בייערישען קעניג, וועלכען די רעגי־
רונג האט פארשפארט, אבער וועגען וועלכען די פויערים זאגען,
אז ער איז א „גוטער קעניג", א פריינד און פארטיידיגער פון'ם
פאלק. און אט איז ער גלאט צווישען באליידיגטע און דערניד־
ריגטע, צווישען ארימע און אומגליקליכע און ער זוכט זיי צו
העלפען מיט וואס ער — דער שוואכער אבער עקזאלטירטער
טרוימער און ערלייזער — קאן נאר. ער זוכט אומעטום צו ברענ־
גען פרייד, ליכט, גוטסקייט.

ער טרייסט און זוכט צו מאכען פריידיג דאס לעבען
פון די קינדער פון א אידישען יתומים־אנשטאלט.
ער קומט צו הילף, ווי ווייט ער קאן נאר, זיין וויי־
טער רייכער קוזינע זשאנעטע לעווענגארד, וועל־
כע אנטלויפט פון איהר רייכען פאטער'ס הויז און נעמט פיהרען
—אין איהר דראנג צו געפינען איהר פארלוירענע אידישע נשמה
— א לעבען פון א קאקאטקע אין בייערישע און פראנצויזישע
קאפע־שאנטאנען. ער ברענגט דאס ווייסע ליכט פון פריידיג־
קייט און געטרייסטקייט צו דער פויליש־אידישער מיידעל מאַ־
ניקא, וועלכער א האלב־פיליסטערישער, האלב־גארנישטיגער
אבער אביסעל טאלאנטפולער דייטשער דיכטער פארליעבט אין
זיך און פארפיהרט. אומעטום איז ער דער ליכט־ברענגער, דער
טרייסטער, דער גוט־ווארט־זאגער, דער באפרייער.

איינע פון די פראבלעמען, וואס מאטערען יעדען גרויסען
מענשען, וואס שטעלט צו נסיון יעדען משיח, איז די געשלעכט־
ליכקייט, וועלכע פייניגט צומאל אגאטאנען. ער איז אונשולדיג
און ריין, קאן אינערליך נים שלום מאכען מיט דעם
געשלעכטליכען אקט, וועלכען ער עמפינדט נאר ווי א פאלען,
ווי א זינד. און ווען ער „פאלט" — מאכטלאז צו וועהרען זיך
אנטקעגען דער עקזאטישער, זיך און אנדערע פארברענענדער ליי־
דענשאפט פון זיין קוזינע זשאנעטע, טראכט ער לאנגע טעג און
נעכט וועגען דער בלינדער קראפט, וואס שלעפט דעם גייסט צו

י. וואסערמאן

דער ערד, און קייקעלט שווערע שטיינער אויף דעם וועג צו דעם מענשענס זעלישער ערלייזונג. ער פארשטעהט, אז ער קאן קיינעם נית באשולדיגען, אז עס איז ניטא קיין ש ו ל ד. אבער ער פיהלט נאך שטארקער, ווי פריהער, אז עס איז דא זינד.

צום סוף זעהען מיר איהם א בארוהיגטען, אלס איינעם, וואס געהט אין א זייל ווייסען ליכט, וואס שטראלט פון איהם אליין ארויס, און אין וועלכען ער זעהט דורך זיינע ליכטיגע אויגען אויף די גאנצע וועלט איינגעהילט. ער הייראט מיט מאניקא'ן, ראטעווענדיג דערמיט פון אונטערגאנג א מענשליכע זעל, און ווארט. געדולדיג ווארט ער. אויף וואס? נאטירליך, אויף דער ערלייזונג.

אט איז די לעצטע סצענע. זי איז אזוי פאעטיש־דופטענד ווי לעבענס־וויין און טרייסטענדיג.

„זומער און זומערדיגע ווינטלאך! בלומען אין אלע ווינקלען. דונקעל גרינס אויף אלע פעלדער, לאשטשענדע שטילקייט און היימליבקייט אונטער די ביימער פון וואלד! פוכקע וואלקענס, ווי שיפען, וואס שווימען איבער דעם לויכטענדען הימעל, און רויזען אין די גערטנער, און ארבעס אין סאד!

„איך האב געוואוסט, אז סעמא העלמוט (איינער פון די קינדער אינ'ם יתומים־אנשטאלט, וועלכער איז געווען געטריי איבערגעגעבען אגאטאנ'ען, ווי אן אפאסטאל צו א נביא און משיח) איז פאר'משפט צו שטארבען — האט אגאטאן געזאגט צו מאניקא'ן, ווען זיי זיינען געגאנגען פון וואלד קיין צירנדארף. „ער איז געבוירען געווארען מיט'ן שטעמפעל פון פריהצייטיגען טויט".

„געבוירען מיט'ן שטעמפעל פון טויט?" האט מאניקא אביסעל פארוואונדערט, איבערגעפרעגט.

„יא. ער איז שוין געווען צו אלט, ווען ער איז געבוירען געווארען. זיין זעל האט איבערגעלעבט טויזענטער יאהרען. או אמת'ע מידע אידישע נשמה."

י. וואסערמאן

זיי האבען לאנג געשוויגען. אין אן איינזאמען ארט אין פעלד האט זיך מאניקא אפגעשטעלט. מיט א ליידענשאפטליכער באוועגונג האט זי ארומגענומען אגאטאנען און ארויסגעמורמעלט:

„ווי דאנקבאר בין איך דיר, אגאטאן, וואס דו ליעבסט מיך. דו האסט מיר צוריקגעקערט דאס לעבען. עס האט דיך ניט גערט, וואס איך האב געזינדיגט. דו ביסט גרויס און מוטיג, אגאטאן.“

„עס איז ניט קיין צופאל, וואס אלץ איז אזוי פארגעקומען, מאניקא. איצט ביסטו אויך אריינגעטראטען אין די רייהען פון די קעמפער. די צייט יאגט דיך שוין מעהר ניט אריבער. דו געהסט פאראויס פון דער צייט“.

„וואס דענקסטו איצט צו טאן, אגאטאן?“

„ווארטען. איך דענק צו באארבייטען דאס פעלד פון מיין פאטער. דאס וועט געבען ברויט מיר און דיר. די מאמע האט דאך דאס פארמעגען פון דעם אלטען ענאך.“

„ווארטען, אגאטאן? ווארטען, אויף וואס?“

אגאטאן האט שמייכלענדיג א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ.

ווען דער אווענד איז צוגעפאלען, זיינען זיי געשטאנען אין גארטען און באוואונדערט די פלאמענדע קאלירען אויפ'ן הימעל. מאניקא איז געשטאנען אונטער'ן בוים און פארוויגט אויף די הענט איהר קינד.

מאניקא האט א קוק געטאן אויפ'ן בוים, וואו עס זיינען געהאנגען עפעל, באלויכטענע פון די צונטערנע זון־שטראלען. זי האט פארזשמורעט די אויגען און ניריג געזאגט:

„איך וויל אזוי אן עפעל, אגאטאן.“

„דו דארפסט ווארטען, מאניקא.“

„אלעמאל ווארטען! אבער אויף וואס?“

„זיי זיינען נאך ניט צייטיג, מיין טייערע.“

„אבער עס וועט נאך לאנג נעמען“...

י. וואַסערמאַן

אַה, ניין. צוויי גוטע זומערדיגע וואָכען, און זיי וועלען צייטיג ווערען. לאָז זיי פריהער רייף ווערען, מאַניקאַ.״

און אַגאַטאַן האָט אַ קוש געטאָן די יונגע מוטער אויפ׳ן שטערען.

וואַסערמאַן דערצעהלט אונז ניט, אויף וואָס אַגאַטאָן וואַרט. אָבער מיר שטויסען זיך אַליין אָן. אַגאַטאָן וואַרט אויף דער ערלייזונג. מען קאָן זי אָבער ניט כאַפּען פאַר דער צייט. מען דאַרף זיין „אין די רייהען פון די קעמפּער״ און וואַרטען. וואַר־טען, ביז די ערלייזונג וועט, ווי די עפּעל אויפ׳ן בוים, צייטיג און רייף ווערען.

2.

חוץ דעם ריין־אינערליכען אידישען פראבלעם, חוץ דעם פראבלעם פון דער באציהונג פונ'ם אידענטום צו זיך אליין, פאר־נעמט אויך וואסערמאנ'ען דאס פראבלעם פון „ישראל צווישען די פעלקער". איז דאס אידענטום א פרעמדער עלעמענט צווי־שען די פעלקער? איז דאס אידישע פאלק עפעס באזונדערס פון די שכנים, מיט וועלכע עס לעבט צוזאמען און — אויב עס איז — מוז עס אייביג אזוי בלייבען?

וואסערמאן איז ניט איינזייטיג. ער פארשטעהט זעהר גוט די אומצופרידענהייט, וואס קריסטען פיהלען צוליעב דעם גרויסען, טיעפען און ברייטען ארט, וואס די אידען פארנעמען אין דער אייראפעאישער גייסטיגער וועלט. ער פארשטעהט גוט יענע קולטורעלע קריסטען, וועלכע ווילען שרייען געוואלד דערויף, וואס אויף אלע געביטען פון דער אייראפעאישער קולטור זיינען די אידען די ווארט־פיהרער, די שאפער און וועג־ברעכער. זיי זיינען אומעטום אין די פאדערשטע רייהען ניט נאר אין דער ספערע פון דעם מאטעריאלען לעבען, ניט נאר אין דער פינאנ־ציעלער און אין דער אינדוסטריעלער וועלט, נאר אויך אין דער זעלישסטער פון אלע ספערען, אין דער ק ו נ ס ט. מיט די פאלגענדע ווערטער פון דעם קריסטליכען גימנאזיע־לעהרער ב א י ע ז ע ן דריקט וואסערמאן אויס דעם אומאנגענעמען איינדרוק, וואס אט דער פאקט מאכט אויף די קריסטליכע קול־טור־טרעגער:

„איהר פארשטעהט, פריהער איז די אידען אנגעקומען שווער צו עראבערען די געביטען, וועלכע זיינען זיי נאהענט. שפעטער האבען זיי זיך אבער מיט אמאל אווארף געטאן צו דער רייכער

קולטור, וועלכע זיי האָבען אַליין געהאָלפען שאַפען, און זיי האָ־
בען געלאָזען וואַרצלען אין דער קונסט. דאָס איז געווען אומ־
פאַרמיידליך. איצט זעהט איהר אומעטום אידישע קינסטלער:
זיי שרעקען אָפּ מיט זייער צאָהל און מיט זייער טאַלענט. איך
רעד ניט וועגען די קינסטלער פון די פאַרגאַנגענע יאָהרצעהנד־
ליגער. עס איז באַוואוסט, אַז זיי האָבען קיין שום שייכות ניט
געהאַט מיט קונסט, ווי איך פאַרשטעה זי. איך רעד אָבער ווע־
גען די איצטיגע, וועגען די מאָדערנע. זיי זיינען קינסטלער,
אמת׳ע קינסטלער, אין דעם קאָן מען ניט צווייפלען. נאָר זיי
רואינירען אונז. אַלץ, וואָס מיר האָבען ערואָבערט לאַנגזאַם
און מיט שווערער מיה, אַלץ, צו וואָס מיר שטרעבען, פאַרמאָגען
זיי שוין פון פריהער. און אין דער צייט, וואָס מיר גיבען אַוועק
אונזער בלוט פאַר עפּעס, לייגען זיי דאָס שוין מיט געלעכ־
טער אריין אין קעשענע. צו זיי קומט דאָס פון זיך אַליין, זיי
געהען בלויז אין דער ברייט, און אויב עס דאַכט זיך אויס, אַז
זיי זיינען טיעף, איז דאָס אַ ליגען. זיי קומען דאָך אַרויס פון
דעם שוים פון דעם געהיימניספּולען פאָלק. ווי פיעל פאַרפאַל־
גונגען! וויפיעל אונטערדריקונג! ווי אַ וואָרים, דרעהט זיך
אַרויס אַט דאָס פאָלק פון דער לענג פון די צייטען, אַט דאָס
פאָלק, וואָס זיין לעבענס־קראַפט קאָן ניט אויסטריקענען. איצט
דערנעהענטערט זיך אָבער דער קריזיס. זיי נעמען ביי אונז צו
דעם אמת און די אויפריכטיגקייט פון דער ק ו נ ס ט. דאָס
איז וויכטיגער ווי אַלץ. זיי פאַרבייטען דאָס אומבאַוואוסטזיניג
מיט דער שיינבאַרקייט פון אמת, מיט דער שיינבאַרקייט פון
אויפריכטיגקייט; זיי ברענגען אונז אַ נייעם מין סענטימענטאַ־
ליטעט. זי נעמט אַן דאָס אויסזעהן פון בלומרשטער נאַאיווי־
טעט, און מיט אויסגעקליגטען טרויער שטרעבט זי צו דערגרונ־
טעווען דעם עצם פון דער וועלט. איך שווער אייך, מיין ליעבער,
דאָס איז איינע פון יענע זאַכען, וועלכע פאַרטונקלען דעם שיק־
זאַל פון גאַנצע דורות. אין דעם באַשטעהט די „אידישע פראַ־

נע" ווי מען רופט דאס אומגעלומפערט אן. דערפאר וואלטען די אידען אומבאדינגט געדארפט אוועקגעהן! אלעם איבעריגע איז א לאקאלע פראגע! די רעליגיע — וואס איז אונז רעליגיע! מיר האבען מעהר ניט קיין רעליגיע אין דעם קירכליכען זין. זאלען זיי זיך אפזוכען א לאנד, וואו זיי ווילען, זאלען זיי אוועקשטעלען א קעניג איבער זיך, ווי אין די אלטע צייטען, זאלען זיי זיך פארזעען זייער ווייץ, שניידען זייער גראז, און זיך אויפבויען זייערע הייזער כאטש אין אויסטראליען, אבי ניט ביי אונז. אניט וועט דאס צוזאמענפאלען געהן ווייטער און מיר וועלען זיצען ווי א פראש אין א ליימינער גרוב. דאס קריסטענטום וואלט שוין לאנג אויסגעהויכט די נשמה, ווען ניט דאס אידענטום, שוין ניט צו ריידען דערפון, וואס עס וואלט גאר קיינמאל אויף דער וועלט ניט געווען. און די גערמאנישע פעלקער וואלטען זיך באשאפען א וועלט לויט זייער בילד און געשטאלט."

גלויבט וואסערמאן אויך, אז די אידען דארפען אוועקגעהן „כאטש אין אויסטראליען" אבי ניט צו פארבלייבען אין אייראפא און „פארניפטען" די גערמאנישע קולטור?

דער פאקט, וואס דער דערמאנטער באיעזען רעדט וועגען דעם, באווייזט אז וואסערמאן'ען פארנעמט די פראגע. זיכער האט ער זעהר א סך געטראכט וועגען איהר. אבער זיכער האט ער א גאנץ אנדערען ענטפער. ער פארשטעהט די קריסטען און זייער פארדרום, וואס אידען, פרעמד־ראסיגע און פרעמד־בלוטיגע, שאפען אלץ מעהר די אייראפעאישע קולטור, אבער ער פיהלט מיט זיי ניט מיט. אדרבא, עס פיהלט זיך אין זיין רעדען וועגען די אידישע גייסטיגע כחות א מין שטאלץ, א מין באוואונדערונג. געווים זיינען די אידען קולטורעל און גייסטיג פעהיגער, ווי די קריסטליכע שכנים. דערצו האט זיי געהאלפען זייער אייגענע קולטור, וואס איז וועניגסטענס מיט צוויי און א האלב טויזענט יאהר עלטער ווי די קולטור פון די אייראפעאישע נאציעס. ווא־

סערמאַן קאַן דעריבער ניט איינשטימיג זיין מיט באַיעזענען, אַז די אידען דאַרפען אוועקגעהן „כאַטש אין אויסטראַליען".

אמת, וואַסערמאַן זעהט גאַנץ שאַרף די חסרונות פון דעם אידענטום און ער שילדערט זיי דרייסט און אָפענהאַרציג. ער ווייס, אַז די אידען, וועלכע זיינען פאַרטריבען געוואָרען אין די הינטערגעסלאַך פון דעם לעבען און זיינען געווען געצוואונגען צו קאָכען זיך אין זייער אייגענעם גייסטיגען זאַפט, זיינען איינזייטיג, אָפטמאָל אומאַנגענעם איינזייטיג. ער שילדערט אַט די אומאַנגענעמע שטריכען פון די אידען אָהן שום מורא, אָהן שום צוריקגעהאַלטענקייט און ער האָט דערמיט אַרויסגערופען די באַשולדיגונג, אַז זיין ראָמאַן איז אידען־פיינדליך, אַנטיסעמיטיש. דאָס איז אָבער ניט ריכטיג. וואַסערמאַן איז אין זיין ראָמאַן ניט בלויז אַ איד. ער איז דאָרט אויך קינסטלער. און פאַר דעם קינסטלער איז ניטאָ קיין העכערער געבאָט, ווי צו שילדערן דעם אמת, דעם אינערליכען אמת פון זאַכען און געשעהענישען. און אַזוי ווי אַט די אומאַנגענעמע אידישע שטריכען זיינען פאַראַן, אינדער'אמת'ן, איז עס ממילא שוין זיין קינסטלערישע פליכט, זיי צו ווייזען, און ווייזען זיי פאַלשטענדיג.

אָבער אפילו אַלס איד האָט וואַסערמאַן געמעגט, ניין געמוזט, אָפענהאַרציג צוגעבען און שילדערען די אידישע חסרונות.

דאָס איז זעלבסט־דערקענטניש, און יעדער איד, יעדער אינדיוויד פון וועלכער עס איז אַנדערער נאַציאָנאַליטעט, מוז זיך זעלבסט גוט קענען. אַניט איז ניט מעגליך קיין שאַפונג און קיין ערלייזונג.

וואַסערמאַן האָט דעם אמת וועגען אידענטום געזאָגט אויך ניט אַלס פעסימיסט, אַלס איינער, וואָס זעהט עפּעס טרויעריגעם און האַלט, אַז עס איז פאַרפאַלען. ניין. דעם אמת זעהט וואַסערמאַן אַלס וויזיאָנער, באַזעלט פון אַן אידעע, פון אַן ערלייזענדער אידעע, לויט ווי ער פאַרשטעהט זי.

י. וואסערמאן

יא, עס איז דא א אידען־פראגע, א שארפע און א נאגענדע. ווי דארף זי אבער געלייזט ווערען?

צוויי אנדערע ווינער אידען האבען זיך פארנומען מיט דעם זעלבען פראבלעם: טעאדאר הערצל און אטא ווייגינגער. יעדער פון די צוויי האט געגעבען אן אנדערע לייזונג, א דיאמעטראל־געגענזעצליכע.

הערצל האט גערופען דאס אידענטום צו עמאנציפאציע, צו נאציאנאלער אויפוואכונג און צו נאציאנאלער באפרייאונג. ער איז געווארען דער פאטער און דער באגייסטערער פון דעם פא־ליטישען ציוניזם, דער שאפער פון דעם „אידענשטאט" און פון „אלט־ניילאנד".

אטא ווייגינגער האט אין דעם אידענטום געזעהן בלויז שלעכטס, בלויז דאס נעגאטיווע, דאס נעגאטיווע פון דער קריסט־ליכער וועלט, וועלכע ער האט געהאלטען פאר גרויס און ערהא־בען. דעריבער האט ער די אידישע ערלייזונג געזעהן אין בא־פרייען זיך פון דעם אידענטום, ד. ה. אין דער אינערליכער פארניכטונג פון דעם אידענטום. ווי אזוי? דערויף ענטפערט ווייגינגער, אז דאס איז א פערזענליכע פראגע. יעדער איך דארף זי לייזען פאר זיך אליין, דורך דער באזיגונג, דורך דער איבערווינדונג פון דעם אידענטום אין זיך. ער האט דאס אליין אויך געטאן. ער האט פולשטענדיג איבערגעריסען מיט'ן אידענטום, זיך געשיידט, און געגלויבט, אז ער איז ערלייזט.

וואסערמאן פארנעמט א פאזיציע צווישען דיביידע. ער האלט ניט פון הערצל'ס דראנג צו פארוואנדלען דאס אידענטום אין א פאליטיש־שטאטליך וועזען. ער וויל עס אויך ניט. ער זעהט אבער אויך ניט אין דעם אידענטום כולו שלעכטס און אין דעם קריסטענטום כולו גוטס. אדרבא. אין דער פערזאן פון דעם דייטשען דיכטער גודשטיקער שילדערט ער דאס קריסטליכע פיליסטערטום, די קריסטליכע צוקראכענקייט און אומשעפערישקייט. און סימבאליזירט וואסערמאן דעם עב־

טען טעווטאניזם אין דער פערזאן פון צירידּ שפערלינג — איז דאס א ליימענע קאלאס, א קערפערליכער און פיזישער ריעז, וועלכער איז אבער אומבאהאלפען, גייסטלאז, אהן דעם רוח חיים. ביי'ם ערשטען צוזאמענשטויס פון אט דעם ליימענעם קאלאס מיט דעם אטעם פון אידישען גייסט, ברעכט ער צוזאמען און ווערט נישט. (דאס, שיינט מיר, איז דער סימבאל פון שפערלינגס אומקומען אלס רעזולטאט פון דעם אינערליכען גייסטיגען באשלוס, פון דעם ליידענשאפטליכען זעלישען וואונש, פון דעם איד אגאטאן). אמת, די שוין צו גרויסע אידישע גייסטיגקייט געבירט איינזייטיגקייט, ווי למשל דעם אידישען דאקטאר ניבערדינג, וועלכער וויל אזוי זיין גייסטיג און אנטקערפערט, אז ער וויל געשלעכטליך ניט פארבינדען זיך מיט דער פרוי, וועלכע ער ליעבט, און וועלכע ליעבט איהם: זשאנעטע לעוועגנארד. אבער אידען פארמאגען פארט גייסט. ווען אט דער גייסט זאל זיך פאראייניגען מיט דער ניט־אידישער קערפערליכקייט פון דעם ליימענעם קאלאס! וואס פאר א וואונדערבארער סינטעז וואלט דאס געווען!

אט דער סינטעז — דאס איז וואסערמאנס לייזונג. און מען מוז זאגען: א וועג איז דאס!

וואסערמאן גלויבט נאך, אז פון דעם אידענטום וועט ארויס דער נייער משיח פאר דער גאנצער מענשהייט, מסתמא אין דעם אידענטום, וואס וועט שוין אינערליך זיין פאראייניגט מיט דער אייראפעאישער, ניט־אידישער וועלט. אויך אטא וויינינגער (א סך שפעטער, אגב, ווי וואסערמאן האט דעם געדאנק ארויסגעזאגט) קומט צום זעלבען שלום. ביי וויינינגער'ן איז דאס אבער א מין הערא‌אישע העגעליאנישע נעגאציע פון דער נעגאציע, ביי וואסערמאנען ערשיינט עס דאגעגען אלס דער שטראלענדער טריאומף פון א וואונדערבארען סינטעז.

דאס איז, לויט מיין אפשאצונג, דער אינערליכער זין און ווערט פון די „אידען פון צירנדארף“, וואסערמאנ'ס הויפטווערק.

י. וואסערמאן

יעדענפאלס פאר אונז אידען. דערפאר האט עס געמאכט אזא רושם אויף דער וועלט, אויף דער אידישער און ניט־אידישער. מען האט דערפיהלט, אז מען האט פאר זיך ניט בלויז א גרויסען קינסטלער און מייסטער פון ווארט און בילד, נאר א טיעפען דענקער, א דענקער פון אידענטום.

3

אויב די „אידעז פון צירנדארף“ איז א בוך פון א י ד י ש ע ר ערלייזונג איז א צווייטער ראמאן וואסערמאנס : „די געשיכטע פון דער יונגער רענאטע פוקס“ א בוך פון אן אנדער מין ערלייזונג, פון פרויען־ערלייזונג.

איך וויים ניט, צי וואסערמאן האט די „רענאטע פוקס“ געשריבען גלייך נאך די „אידען פון צירנדארף“. עס איז אבער קיין צווייפעל ניטא, אז צווישען דיביידע ראמאנען איז דא אן ענגער צוזאמענהאנג. ניט בלויז אן אויסערליכער, ניט בלויז דערמיט, וואס אין איהם באגעגענען מיר טיילווייז די זעלבע פערזאנען ווי, למשל, דעם ערלייזער אגאטאן, נאך אן אינערליכער און טיעפערער.

וואס זיינען די צוויי גרעסטע מיסטעריומס אין אונזער לעבען ? וואס זיינען די צוויי קרעפטען, וועלכע זיינען פאר אונז כמעט אומפארשטענדליך, וועלכע לאזען זיך אבסאלוט ניט דעפינירען, אבער וועלכע האלטען אונז ווי אין צוואנגען, קאנטראלירען אונזער וועזען און טוען מיט אונז — מיט אונזער באוואוסטזיין, אדער געגען אונזער באוואוסטזיין — וואס זיי ווילען ? ראסע און געשלעכט. און האט וואסערמאן אין דעם ערשטען ראמאן זיך פארנומען מיט דעם פראבלעם פון ראסע, מיט דער פראבלעם פון בלוט, וואס איז מעהר ווי בלוט, וואס איז יענער קאמפלעקס פון שטימונגען און געפיהלען, וועלכע באשטימען אונזער גאנצע פסיכיק, פארנעמט זיך דער דיכטער אין דעם צווייטען ראמאן מיט דעם פראבלעם פון געשלעכט. אמת, ניט, ווי זי ריהרט דירעקט אן דעם מאן, נאר ווי זי דריקט זיך אויס

י. וואסערמאן

דורך דער פרוי, דעם סימבאל פון געשלעכט און געשלעכטליכקייט.

אויב איהר ווילט איז די „רענאטע פוקס“ א בוך וועגן דער „פרויען־פראגע“, אויפגעפאסט זעליש, פסיכיש. וואס דארף די פרוי טאן? וואו דארף זי געהן? וואס איז איהר וועג און וואס איז איהר ע ר ל י י ז ו נ ג?

רענאטע פוקס איז א יונגע רייכע מיידעל, וועלכע האלט ביי׳ם פארלאבט ווערען מיט א הערצאג. „הערצאגין רענאטע“— דאס איז דער טרוים פון איהרע עלטערען, צוויי טיפישע, פיליסטערישע בורזשויען. זי אליין חלומ׳ט אויך ניט ווייניג וועגען דעם איינדרוק וואס דער קלאנג: „הערצאגין רענאטע“ וועט מאכען. אבער רענאטע לעבט ניט בלויז מיט דער אויסערליכער וועלט, מיט די אויסערליכע ערשיינונגען פון לעבען. זי איז א זוכערין. זי גריבעלט זיך אין זיך. זי זוכט צו דערגעהן איהר אייגענע וועזען. זי זוכט צו דערגעהן איהר סובשטאנץ אלס פרוי.

וואס איז דער פיזישער דראנג? וואס איז עס אזוינס, וואס צינדט אזוי שטארק אן די מענער אין דער אנוועזענהייט פון א פרוי? צו וואס שטרעבען עס די מענער אזוי שטארק? וואס פאר א ראלע שפיעלט דערביי די פרוי? וואס הייסט א געפאלענע פרוי? ווי קומט עס די פרוי זאל ווערען א געפאלענע? רענאטע פיהלט, אז אויב עס זיינען דא פראסטיטוטקעס, זיינען זיי „געפאלען“ אויפ׳ן חשבון פון די ריינע און אונשולדיגע: אז עס קאנען נאר זיין „ריינע“ פרויען, ווייל עס זיינען אויך דא „געפאלענע“. זי פיהלט אז יעדע פרוי איז אין דער מעגליכקייט א געפאלענע. זי זוכט אן ענטפער אויף די פראגען, וואס מאטערען זי. ניט אזוי קלאר און סכעמאטיש ווי איך גיב עס איבער, נאר זיי פאדערען דרינגליך אן ערקלערונג אין איהר באוואוסטזיין, נאך מעהר אין איהר סוב־פסיכיק.

זי אנטלויפט פון איהר היים. זי באשליסט צו פארקניפען

י. וואסערמאן

איהר שיקזאל מיט דעם ערשטען בעסטען מאן, וועלכער געפעלט איהר, אדער וועלכער שיינט איהר צו געפעלען. זי בלייבט אבער באלד אנטוישט. זי געפינט אויס, אז ער איז ניט דער, וואס קאן זי באפרייען, וואס קאן איהר העלפען זיך צו געפינען. „ער איז ווי אלע מענער". זי זוכט בלויז א י ה ר מאן, דעם איינ־ציגען מאן.

זי געהט אוועק פון אנסעלם וואנדערער; זי פארקניפט באַ־ציהונגען מיט אנדערע מענער. זי געפינט אבער אלץ ניט דעם, וועמען זי זוכט. זי בלייבט א זוכענדיגע. ווארפט זיך אין פאר שידענע זייטען. ווערט אן אקטריסע. קומט זיך צונויף מיט די פארשיעדענסטע עלעמענטען פון דער געזעלשאפט, אבער אומזיסט. ניטא דער איינציגער מאן. א טונקעלען ציעל לייכט איהר צו אין דער טיעף פון איהר נשמה, אבער זי קאן צו איהם ניט קומען. זי בלאנדזשעט אויף אלערליי קרומוועגען, פאר־פלאנטערט זיך, פארלירט זיך אלץ מעהר.

ביז זי טרעפט אגאטאנען, דעם יונגען אידישען טרוימער, דעם טרייסט־ברענגער, דעם ערלייזער.

זי געפינט איהם קראנק, אויפ'ן טויטען־בעט. זי דער־פיהלט באלד, אז דאס איז ער — דער געזוכטער, דער געווינש־טער, דער איין־און־איינציגער. אויך אגאטאן דערפיהלט עס. די נאכט פון טויט ווערט די נאכט פון ליעבע. רענאטע ווערט מוטער פון א זוהן, וועלכען דער שטארבענדער אגאטאן הייסט אנרופען ב ע א ט ו ס, דער ז ע ל י ג ע ר, דער ערלייזער. ווידער איז דאס א סינטעז פון איד און קריסט, ווידער האט איהר דא וואסערמאן'ס ערלייזונגס־אידעע פון דער פאראייניגונג צווי־שען דעם אידענטום און דעם אייראפעערטום.

רענאטע פיהלט זיך בארוהיגט, געטרייסט, געשטילט. זי האט געפונען די ערלייזונג. וואס איז זי? צו זיין די מ ו ט ע ר פון אן ערלייזער, די ברענגערין פון דעם גרויסען באפרייער. ווי קאן זי דאס דערגרייכען? דורך געפינען דעם איינציגען מאן,

דעם איין־און־איינציגען, דעם פאר איהר באשערטען. מען געפינט איהם ניט מיט אמאל. מען דארף דורכגעהן די שבעה מדורי גיהנום פון זוכעניש אוןליידען. מען דארף א י נ ע ר ל י ך ווערען רייף דערצו. מען דארף דערפיהלען, אז אלץ, וואס מען האט געטאן פריהער, איז געווען „ניט דאס", כאטש נויטיג — אלס שטאפלען צו דעם ציעל. מעג דער געזוכטער ציעל זיין דער, וואס האלט ביי'ם שטארבען. די טרייסט איז אבער דא. דער ציעל — דערגרייכט.

דעם זין פון אט דעם שעהן אנגעשריבענעם ראמאן, פול מיט פסיכאלאגישע באמערקונגען, פול מיט קינסטלערישע באאבאכטונגען פון א גאנצע גאלעריע מענשען און טיפען, שיינט מיר, קאן מען געפינען אין פאלגענדע שטעלען פון די לעצטע קאפיטלען.

אגאטאן, וועמעס פרוי מאניקא איז, אגב, געשטארבען, „אויסגעגאנגען ביי זיין זייט", ווי ער דריקט זיך אליין אוים, זאגט צו רענאטע'ן, וועלכע איז צו איהם ענדליך געקומען, ווי געטריבען פון א געהיימניספולער האנד:

„איהר זייט געווען בלינד, איהר האט זיך געלאזט אויף א וואנדערונג. איהר האט ניט געזעהן דעם אפגרונד, וועלכער האט זיך כסדר לעבען אייערע שריט געעפענט. איהר האט געהאט בטחון, ווייל איהר זייט דורכגעדרונגען געווען בלויז פון דעם וועג, פון דעם וועג אליין. איהר האט זיך אפגעהיט פון אונטערגאנג, איהר האט ניט גערעדט מיט אייערע אייגענע ליפען, ניט געפיהלט מיט די אייגענע הענד, נאר געליטען מיט דער אייגענער נשמה. איהר האט זיך אפגעהיט בלויז פאר דעם ווייטען ציעל, ניט וויסענדיג אליין דערפון, ניט גלויבענדיג אין דעם. איז עס אזוי?"

„יא, יא, יא", האט רענאטע געענטפערט דורכגענומען ביז דער טיעף פון איהר זעל, אין א געמיש פון טריאומף און פיין. „איצט ערשט פארשטעה איך זיך".

י. וואסערמאן

„אלעס ליגט אין אייערע אויגען, אין אייער קול", האט אגא־טאן געזאגט. „איהר זייט בארויבט אבער דאך ניט ארימער געווארען. מיט טרוקענע פיס זייט איהר געגאנגען איבער זומפ און קויט. א, איך האב ליעב די פרויען", האט ער פלוצלינג שטילער ארויסגערעדט, מיט אן איניגקייט וואס האט געקלונגען ווי מוזיק. „איך האב ליעב זייער שיקזאל און זייערע ליידען. איך האב ליעב זייער בטחון און זייערע אפגעהארציגע בליקען. איצט קומט א נייע צייט פאר אייך. יעדעס געפיהל ווערט שטארקער אין אייך. איהר הערט אויף צו גלויבען אין די פיזי־שע פאראורטיילען און איהר ווילט אייער שיקזאל, אייער פרויען־שיקזאל דורכלעבען, און ניט מעהר פאשקלאפט זיין".

און אט איז איינע פון די לעצטע סצענעס, וועלכע איז דורך און דורך איינגעהילט אין א מין פריידיגען טרויער, אין א מין בארוהיגענדער מעלאנכאליע פון פארנאכט, ווען די פארגעהענדע זון הילט דעם רוים איין אין וויאלעט:

„רענאטע האט זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן ראנד פון בעט און דערצעהלט אגאטאנען פון איהר לעבען. זי האט זיך כמעט ניט אפגעשטעלט, זי האט דערביי איהר קול ניט דערהויבען, איז ניט אויפגערעגט געווארען, איז ניט פארכאפט געווארען פון די זכרונות. זי האט דערצעהלט, גלייך זי וואלט דערמיט ערפילט א מיסיאן, אפענהארציג און אויפריכטיג איבערגעהענדיג פון פאסירונג צו פאסירונג. און ווען זי איז פארטיג געווארען, האט זי צוערשט אביסעל געשוויגען. דאן האט זיך איהר פלוצלינג אויסגעדאכט, אז דאס הארץ האט גענומען באוועגען זיך אין איהר ברוסט, גלייך ווי די טונקעלע פענסטער פון אט דעם צי־מער וואלטען שטיל אויסגעפיהרט א לייכטען טאנץ. עפעס האט זי באהערשט, ווי דער דרוק פון אן אומגעהויערער אומגערעכ־טינקייט, און פון דער טיפעניש פון איהר זעל האבען זיך גענר־מען גיסען די הייסטע טרערען, וועלכע זי האט ווען עס איז אויס־געוויינט אין איהר לעבען, זינט זי האט זיך געדענקט. ווי צע־

בראכען פון א שטארקער האנט, האט זי זיך אראפגעלאזט און געוויינט, גלייך ווי איהר גאנץ לעבען וואלט זיך געדארפט ארויס־גיסען אין אט דעם ביטערען שטראם. נאר אן אנדערע האנט האט זי ארומגענומען, און מיט איהר פנים צוגעדריקט צו אגא־טאנ׳ס פלייצע, האט זי ווייטער געשלוכצט. און אגאטאן האט ליעב געגלעט איהרע האר מיט זיינע הענט. ער האט גארניט געזאגט, נאר זי פעסט געהאלטען, און זיינע אויגען האבען בא־קומען א ווארימען, אינעווייניגסטען, ענטציקטען גלאנץ.

„מיר איז אזוי לייכט איצט, אהן א שיעור!" האט רענאטע געשעפטשעט, ניט ריהרענדיג זיך פון ארט.

„רו, רענאטע, דו ביזט פאר מיר באשערט", האט אגאטאן געזאגט, טויט־בלייך.

„און דו ביזט פאר מיר באשערט," האט רענאטע דומפ גע־ענטפערט, ווי זי וואלט אין זיין קערפער אריינגערעדט. זי האט זיך צוגעטוליעט צו איהם מיט א ליידענשאפטליכער קראפט, און איהר ווענען איז אויפגעוואכט געווארען ווי באפרייט פון טויזענד צאמען. און אלץ איז געווארען פול מיט פלאמען, איבערערדישע, אונצעהליגע. און די צייט האט אויסגעזעהן צו זיין אהן גרעניץ, די בלויזע לעבענסצייט, ביז צום סוף פון אלע וועלטען. ער האט מעהר ניט געהאט פאר איהר דאס פנים פון א מענש, נאר דאס פנים פון א גאט, פון א שיקזאל, פון א מיסיאן. דאס גליק, וואס זי האט געפיהלט איז געווען אנגעזאמעלט פון דורות, און דער ציעל פון דעם גליק איז געווען צו פארשאפען אט דער איינער, קורצער נאכט אן אייביגע דויערהאפטיגקייט — פאר די צוקונפ־טיגע דורות. זי איז געלעגען לעבען אגאטאנען און איהרע קושען זיינען געווען פול מיט יאהרענלאנגער זעהנזוכט, פול מיט א גע־היימניספולען פייער. זי האט ענדליך דערפיהלט, אז ד א ס איז געווען ל י ע ב ע, און אלעס אנדערע איז געווען גארנישט. אז אט די ליעבע איז געווען פאר אגאטאנען פון אנפאנג אן, און וועט פארבלייבען פאר איהם ביז׳ן סוף פון לעבען.

י. וואַסערמאַן

„און ווען דו מוזט שטאַרבען?“ האָט זי געפרעגט, זיך אויפ־זעצענדיג און דריקענדיג איהרע ליפען צו זיינע הענט.

„קאָן איך דען שטאַרבען פאַר ד י ר, רענאַטע? איז דאָס פאַר אונז דאָס אייגענע, וואָס דער טויט איז פאַר אנדערע? פאַר ד י ר וועל איך קיינמאָל ניט זיין געשטאָרבען, רענאַטע. דו דאַרפסט ניט טרויערען“.

„נישט טרויערען..“ האָט זי פאַרלוירען געפליסטערט.

אגאַטאָן האָט זיך צוגעבויגען און געקושט איהר ברוסט. זי האָט זיך געטוליעט צו איהם און צוגעדריקט איהר באַק צו זיין קאַלטען שטערען. איך בין ניט מעהר איך, האָט רענאַטע געטראַכט. איך בין אַן אנדערע. אַ נייע. אַ קיינמאָל ניט באַ־קאַנטע, קיינמאָל ניט פאַרטיליגבאַרע רוה האָט איבערפילט איהר נשמה.

און אגאַטאָן האָט שטיל געזאָגט, מיט זיין מויל אויף רענאַ־טע'ס אויער: „רענאַטע! הערסט מיך, רענאַטע?“

„יאָ, איך הער דיך.“

„רענאַטע, ווען עס וועט זיין אַ אינגעל, גיב איהם אַ נאָמען... הערסט מיך, רענאַטע?“

„איך הער בלויז דיך, אגאַטאָן“.

„גיב איהם אַ נאָמען בעאַטוס (דער זעליגער). ע ס וועט זיין אַ אינגעל.“

„בעאַטוס..“

„און ערציה איהם ריין, רענאַטע. ערציה איהם ווי אַ פאַר־סיפאַל, ווייט פון אַלעמען. וועסט עס טאָן?“

„איך וועל עס טאָן.“

דאַ שטאַרבט אגאַטאָן, און רענאַטע בלייבט אליין אנצוהויבען איהר ניי לעבען. אליין, אַבער זי איז געטרייסט. זי האָט זיך געפונען. זי האָט איהר לעבענס־מיסיאָן. זי איז געוואָרען די מוטער פון אַ זוהן, אין וועלכען זי האָט איהר ליעבע פון דאָס

ניי געזעהן אויפפלאקערען, און וועלכער האט געוואלט ווערען דער פאטער פון א נייעם מענשען־מין.

איך האב געבראכט אט די לאנגע ציטאטען ניט בלויז צו ווייזען וואסערמאנ׳ס בליק אויף דער פרוי׳ס מיסיאן און אויפגאבע אין לעבען — צו זיין די באשעפערין פון דעם ערלייזער. אדער זאל מען עס אנרופען „איבער־מענש“? — נאר ווייל אין אט דעם אויסצוג זעהט מען אויך וואסערמאנס בליק אויף דעם געשלעכטליכען אקט. ער דארף ניט זיין בלויז א פיזישע, בלינדע פארבינדונג פון צוויי קערפערס. ער דארף זיין אן ערפילונג פון א מיסיאן, פון א הייליגער לעבענס־מיסטעריע. אזוי קאן אבער דער אקט זיין בלויז צווישען צוויי באשערטע. צווישען דעם מאן וואס איז דער איין־און־איינציגער פאר דער פרוי, וועלכע איז די איין־און־איינציגע פאר איהם...

4

דאָס וויכטיגסטע אין דאָס לעבען פון אַ מענש שפּיעלט זיך אָפּ ניט אין דער ספערע פון דעם ווירקליכען, פון דעם וואָס מען קאָן אָנטאַפּען. די פאַרבאָרגענסטע טיעפענישען, אין וועלכע די זעל פון אַ מענש בליקט אַריין — זיינען רויך, טרוימען. גליק און אומגליק ווערען פוסטע קלאַנגען.

„סאַראַה מאַלקאָלם". וואַסערמאַן.

די העכסטע קינסטלערישע הויך, לויט מיין מיינונג, דער־גרייכט וואַסערמאַן אין דריי קליינע זאַכען זיינע, וועלכע ער רופט אַן מיט איין נאָמען: שוועסטער. דאָס זיינען ניט לייב־ליכע שוועסטער, נאָר גייסטיגע. זעלען־פאַרוואַנדטע.

אין אַט די דריי ערצעהלונגען בליקט וואַסערמאַן ווירקליך אַריין אין די פאַרבאָרגענסטע טיעפענישען פון׳ם לעבען. דאַ איז ער מייסטער־פּסיכאָלאָג, מייסטער־קינסטלער. וואָס איז דאָס לעבען פון אַ מענש? איז עס די קייט פּאַסירונגען און גע־שעהענישען, וועלכע באַדייטען שיינבאַר דאָס לעבען? איז עס דער קאָמפּלעקס האַנדלונגען, טאַטען, אין וועלכע דאָס לעבען געהט און פאַרגעהט? אָדער איז עס גאָר די אינערליכע וועלט פון דעם מענש, די וועלט, וואָס קיינער זעהט ניט, אויסער דער מענש אליין? אַ טרוים, רויך?

וואַסערמאַן, שיינט עס, גלויבט טאַקע, אַז דאָס לעצטע איז דאָס אמת׳ע לעבען, יעדענפאַלס דאָס וויכטיגסטע אין דעם לע־בען. אין די דריי דערמאָנטע ערצעהלונגען שילדערט ער דריי פרויען: אַ שפּאַנישע קעניגין, אַן ענגלישע דיענסט און גנב׳טע און אַ פראַנצויזישע קליין־בירגערין. זייער הויפּטלעבען איז

באשטאנען אין טרוימען, זעהונגען, האלוצינאציעס, איינגרייזע־נישען.

מען קאן מיט וואסערמאן איינשטימיג זיין אדער ניט — דאס לעצטע איז פיעל שווערער, ווייל קינסטלעריש־פסיכאלאגיש אויפגעפאסט איז וואסערמאן זיכער גערעכט: בלויז וויסענשאפטליך־קאנקרעט, קאן זיך אויסדראכטען, אז ער מאכט א טעות — עס קאנען אבער ניט זיין קיין צוויי מיינונגען וועגען דער שעהנקייט און טיעפקייט פון די דריי זאכען אלס קונסט־ווערק. אלע דריי זיינען עפעס אזוי ניטדאאיג, איינגעהילט אין אזא עקזאטישען שלייער, אז עס דאכט זיך אוים: מען דערזעהט פלוצלינג העל און קלאר וואס עס טוט זיך אין א פינסטערען אפגרונד, וועלכער ווערט ווי פון א בליץ באלויכטען. דער בליץ — דאס איז דעם דיכטער׳ס טאלענט, וואסערמאנ׳ס קונסט, זיין קראפט אלס פסיכאלאג, זיין היימישקייט אין די לאבירינטען און קרומוועגען פון א מענשליכער נשמה.

די ערשטע ערצעהלונג, ד א נ א י א א נ א פ ו ן ק א ס ט י ל י ע ן — איז דאס אינערליכע לעבען פון א שפאנישער קעניגין, וועלכע איז וואנזיניג געווארען דורך א טרוים, וועלכער האט פאר איהר געשוועבט פון איהר קינדהייט אן, דער טרוים פון א געליעבטען. ווען מען מאכט איהר חתונה מיט דעם עסטרייכישען הערצאג פיליפ, וויל זי איהם צו זיך ניט צולאזען. ער מוז ווייזען, אז ער איז זי ווערט, אז ער פאסט זיך צו צו איהר קראנקהאפטער פארשטעלונג פון א געליעבטען. ערשט ווען זי האט איהם גאנץ און גאר אויסגעמאטערט, ווערט זי זיין פרוי. און ערשט ווען ער שטארבט, דערפיהלט זי, אז זי קאן אהן איהם ניט לעבען. אין איהר וואנזין שלעפט זי ארום זיין טויטען קערפער, לאזט אריינלייגען א זייגער אין זיין ברוסט־קאסטען, כדי זיך צו שאפען די אילוזיע, אז זי הערט דאס קלאפען פון זיין פולס, און אז ער לעבט. און אזוי פיהרט זי זיך מיט איהר טויטען געליעבטען פון לאנד צו לאנד. א יאהר, צוויי, צעהן, איהר

גאנץ לעבען. זי איז נאמינעל קעניגין, אין איהר נאמען ווערט גע־פיהרט דער שטאט און באשלאסען די מלוכה־ענינים. אין דער אמת'ן לעבט זי אין איינזאמקייט, בלויז מיט איהר טרוים, מיט איהר טויטען געליעבטען, וועלכער לעבט פאר איהר. ווער איז טאַ־קע טויטער פון זייביידען: דער אטעם־לאזער הערצאג מיט דעם זייגער אין זיין טויטען ברוסט־קאסטען, אדער די קעניגין מיט איהר וואנזיניגען טרוים? שווער צו זאגען. פאר איהר איז אבער אט דאס — דאס לעבען.

ס א ר א ה מ א ל ק א ל ם האט אן אנדער מין טרוים. זי לעבט מיט אן אנדער רויך. אין דער צייט פון א באוואוסט־לאזען צושטאנד האט זיך איהר גע'חלומ'ט, אז זי איז פארלאבט געווארען צו א יונגען מאן — און אט דער טרוים ווערט איהר שיקזאל. זי פארפלאנטערט זיך, זי נעמט אן א יונגען ענגלישען אדעלמאן פאר איהר באשערטען, גנב'עט ביי איהם א גאלדע־נעם בעכער, וועלכען ער האט געקויפט פאר זיין אמת'ער כלה, ווערט דורך דעם פארמישט אין דעם מארד, וואס ווערט דיזעלבע נאכט באגאנגען איבער איהם, און קומט אום אויף דער תליה. זי איז דאס אבער מקבל באהבה. קיין שום פראטעסט, אדער שרעק. זי איז גליקליך מיט דעם טרוים, און זי וויל מעהר קיין זאך נים. איהר לעבען איז פארענדיגט, איהר לעבענס־ציעל דערגרייכט.

ביי אט די צוויי באריהרט זייער אילוזיע בלויז זיי אליין. מיט אנדערע האט עס ווינציג וואס צו טאן. ביי דער דריטער „שוועסטער", ביי דער פראנצויזקע ק ל א ר י ס א מ י ר א ־ ב ע ל, שלעפט דער טרוים אריין א גאנצע צאהל מענשען. פאר־אומגליקט זיי און זי.

אין א געווייסען שטעדטעל געפינט מען א טויטען מענש. מסתמא איז ער דער'הרג'עט געווארען. אבער די קליין־שטעד־טעלדיגע לייט פאלט איין, אז מען האט איהם ערמארדעט. דאס איז אגב אליין א ביישפיעל פון א מאסען־אילוזיע א מאסען־

פסיכאז. קוים איז דאס איינגעפאלען, הויבט מען אן צו זוכען דעם שולדיגען. ווערט געשאפען א נעץ פון פארדאכטען. רעדט אימיצער ארויס א נישט־געשטויגען, נישט־געפלויגען ווארט, ווערט ער פארדעכטיגט און ארעסטירט. די פאליציי, די ריכטער זיינען פאראינטערעסירט צו געפינען די מערדער. זעהט מען די ארעסטירטע נאך מעהר צו פארפלאנטערען, און זיי ווערען טאקע אזוי פארפלאנטערט, אז זיי הויבען אן אליין צו גלויבען, אז זיי האבען געהאט א שייכות מיט'ן מארד. קלאר בלייבט בלויז איינער, דער, אויף וועלכען דער הויפט־חשד פאלט — דער פלימעניק פון דעם טויטען. אבער פון דעם פלאנטער וואקסען ארויס שטארקע „באווייזען" געגען איהם. און פון זיי פלעכט זיך אויס א שטריק, וואס פארציהט זיך אלץ ענגער איבער זיין האלז. איין „באווייז" פעהלט אבער נאך. א פרוי מיט א הוט מיט גרינע פעדערען, וועלכע זאל האבען בייגעוואוינט דעם מארד. דא ערשיינט קלאריסא מיראבעל. זי פארמאגט א הוט מיט גרינע פעדערען. און די דאזיגע קלייניגקייט ווירקט אויף איהר אזוי, אז זי הויבט אן צו גלויבען, אז זי איז טאקע געווען ביי'ם מארד, און געזעהן דעם טויטענ'ס פלימעניק אלס מערדער. דער לעצטער באוויין איז דא און דעם אומגליקליכען'ס שיקזאל איז פארזיגעלט.

קלאריסא'ס טרוים ברענגט איהם אום. צומאל ווערט זי קלאר, דערזעהט, אז אלץ איז: ליגען, ליגען. זי שרייט וועגען דעם אויס אין געריכט. אבער עס העלפט שוין ניט. דאס ווארט איז שוין געזאגט געווארען. זי אליין ווערט ווידער באלד פארפלאנטערט. אין א מאמענט פון קלארקייט געהט זי אין דעם ארעסטירטענ'ס צעל און טויט זיך דארטען.

די גאנצע געשיכטע איז זעהר מאדנע, אבער פסיכאלאגיש אזוי אמת, ווי טיעף. א האלוצינאציע, אן אויסטראכטענישן ווערט דער שיקזאל פון א מענש, און ער קאן זיך שוין ניט ארויסדרעהען. ער ווערט געפאנגען, ווי אין א נעץ, און געהט אונטער.

י. וואַסערמאַן

די אַלע זאַכען קלינגען אַפשר איינזייטיג, ניט רעאַל. וואַסערמאַן ווייזט זיך אַבער אין זיי בולט אַרויס אַלס קינסטלער, אַלס ליטעראַט, פאַר וועמען די פּסיכאָלאָגיע איז — פּראָפּעסיע. ממילא מוז דער קינסטלער זיין שיינבאַר איינזייטיג. איהם געהט ניט אָן קיין אַנדער זאַך, ווי דער באָאָבאַכטער שטריך און דער מענשליכער זעל. דאָס איז דער צענטער, אַרום וועלכען אַלץ דרעהט זיך. אַלץ איז אויך — נעבענזאַך.

דאָ קומען מיר בכלל צו דעם אמת'ן פּראָבלעם. די ליטעראַטור, ווי קונסט אין אַלגעמיין, דריקט טאַקע אויס דאָס לעבען. די ליטעראַטור, צוליעב דער אַנגעוויזענער אורזאַך פון פאַרנעמען זיך מיט דער פּסיכאָלאָגיע פּראָפּעסיאָנעל, ספּעציאַליטעט־מעסיג, איז און מוז זיין איינזייטיג. זי קאָנצענטרירט זיך הויפּטזעכליך אויף דעם איינעם שטריך אָדער העכסטענס גרופּע פון עטליכע שטריכען, און רעכענט זיך ניט מיט אַנדערע מאָמענטען און עלעמענטען וועלכע א י ן ל ע ב ע ן ביימען אַזוי אָפּט אינגאַנצען דאָס בילד. געהט עס דעם ליטעראַט צו שילדערען, למשל, אַ געוויסע ליעבע־ערשיינונג, רעכענט ער זיך גאָר ניט מיט אַזוינע ל ע ב ע נ ס ־ פ אַ ק ט ע ן, ווי אַז די צוויי באַטרעפענדע מענשען מוזען אַרבייטען, עסען, שלאָפען, האָבען פאַרבינדונגען מיט אַנדערע מענשען, געהען אין קירך, אָדער שוהל, טראָגען קליידער, וועלכע האָבען קנעפּלאַך, העקעלאַך אָדער שנירלאַך. דער ליטעראַט שילדערט די ליעבע־ערשיינונג אַזוי, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען דאָס איין־און־איינציגע אין דעם לעבען פון זיינע פּערזאָנען. אַלע אַנדערע לעבענס־פאַקטען און לעבענס־פונקציעס פיהרט ער צו צו דער הויפּט־ערשיינונג, וועלכע ער זוכט אַרויסצוברענגען. אויף אַזוי וייט, זאָג איך, איז די ליטעראַטור טאַקע דורכאויס ניט קיין אָפּשפּיגלונג פון לעבען, און אַלע רייד, וואָס ווילען דאָס דוקא יאָ באַהויפּטען שיינען מיר ניט צו זיין איבערצייגענד.

מיט דעם ווערט אַבער ניט געמיינט צו זאָגען, אַז דער לי־

טעראַט איז פאַלש. אַ דאַנק דער איינזייטיגקייט פון זיין אויפ־פאַסונג גיט ער דעם תוך, דעם אינערליכען עצם פון געוויסע זע־לישע שטריכען. אבסטראַהירענדיג אַט די שטריכען, אַפטיילענ־דיג זיי פון די לעבענס־פאַקטען און לעבענס־פונקציעס, ווייזט ער זיי אונז אין אַלע זייערע מעגליכקייטען, אין אַלע פאַזען און סטאַדיען, וועלכע זיי קאָנען דערגרייכען, אויב זיי דערגרייכען עס אפילו ניט. דאָס איז עס, וואָס מען רופט קינסטלערישער אמת, וועלכער איז פאַר דעם מענש אפשר וויכ־טיגער ווי דער פשוט׳ער, אויבענאויפיגער לעבענס־אמת.

„אויב אַ געוויסע זאַך איז אפילו ניט געווען אזוי, האָט עס אזוי געדאַרפט זיין!" ווי אָפט שרייט אַ מענש אויס אַט די ווער־טער. אין אַ מאָמענט פון נויט, פון אַ זעלישען פּלאָנטער. דער ליטעראַט ווייזט אונז אָפט זאַכען, ווי זיי האָבען געזאָלט זיין, אָדער געקאָנט זיין, און דערין איז איינער פון זיינע הויפּט־פאַרדינסטען.

יעקב וואַסערמאַן פאַרשטעהט זעהר פיעל פון אַט דעם קינסט־לערישען אמת, און פאַרמאָגט די פעהיגקייט פון דעם מייסטער איהם אַרויסצוברענגען. און די „דריי שוועסטער" זיינען שע־דעווּרען, קליינע מייסטערווערק, וואָס זיינען פול מיט קינסט־לערישען אמת.

5

מיר האבען געזעהען וואסערמאנען אלס דעם קינסטלער פון טיעפע פראבלעמען, אלס דעם זוכער אויף די טונקעלע וועגען פון ראסע און סעקס און אלס קינסטלערישער געפינער פון ער־לייזונג פאר אט די צוויי גרויסע מיסטעריען. מיר האבען איהם אויך געזעהן אלס דעם ארויסברענגער פון דעם אינערליכען קינסטלערישען אמת.

האט וואסערמאן אבער בכלל א לעבענס־פרינציפ?

די דאזיגע פראגע שיינט אביסעל באנאל אין דער איצטיגער צייט, ווען עס איז געווארען כמעט אן אלגעמיינער קרעדא, אז קינסטלער דארפען ניט קיין פרינציפען, אז דאס איז אן עסק פאר דאקטרינערען.

בפרט נאך אזא פראגע אין באצוג צו וואסערמאנען, וועלכער באלאנגט אלס שרייבער צו די מאדערניסטען, אי לויט זיין פארם, אי לויט זיין ארט שילדערען אי לויט זיין אויפפאסונג.

וואסערמאן ה א ט אבער א לעבענס־פרינציפ, און א גאנץ אויסגעשפראכענעם. אפשר איז דאס דערפאר, ווייל ער איז א איד, און א איד וואלט דאך ניט געקאנט עקזיסטירען אויב ער זאל ניט האבען קיין פעסטען פרינציפ, וואס זאל איהם דעם וועג באלויכטען.

וואסערמאנ'ס לעבענס־פרינציפ איז אויך אן עכט־אידישער. דאס איז די עטיק, די מאראל, דער זיעג פון דער טוגענד איבער דעם שלעכטס. מיט דער אויסנאם פון ווענינע זאכען זיינע, זיגט אומעטום ביי וואסערמאנען דאס גוטע איבער'ן בייזען. די טוגענד קומט צו לעצט שטענדיג ארויס טריאומפירענד, אויב עס איז נאר דא אזא קאמף צווישען גוטס און שלעכטס. די אויס־

י. וואסערמאן

נאם איז דער ראמאן „מאלאך", וואו אויך א מין ערלייזער, א „וועלט פארבעסערער" געהט אונטער ווייל דאס רעאלע לעבען איז צו שטארק פאר איהם. בכלל אבער זיגט דער גוטער פרינציפ.

דאס איז אביסעל שונדיסטיש, און זוי ניט ווי, מאכט עס טאקע אביסעל א פריקרען איינדרוק. עס איז אזוי אין ווידער־שפרוך מיט'ן ווירקליכען לעבען.

ווען מיר זעהן אין א ביליגען ראמאן א קאמף צווישען זינד און טוגענד, און אויף דער לעצטער זייט זיגט די טוגענד — איבעלט עס אונז. פארצוקערט וואסער! די קינעמאטאגרא־פישע טראגעדיעס און דראמען זיינען אונז אויך דערווידער דער־פאר, וואס ביי דער לעצטער סצענע ווערט אלעס גוט, דער „גו־טער העלד" טריאומפירט. איז טאקע דא עפעס דערפון אויך ביי וואסערמאנען.

אבער מיט איין גרויסען אונטערשייד, וואס קויפט וואסער־מאנען זעהר פיעל אוים אלס קינסטלער.

דער אונטערשייד איז דער:

אין די שונד־ראמאנען און אין די קינעמאטאגראפישע טרא־געדיעס און דראמען קומט דער זיג פון דער טוגענד סתם אין דער וועלט אריין, אהן א פארוואס, ווייל דער שונד־ראמאניסט און דער פארפאסער פאר'ן קינעמאטאגראף וויל ניט פארשאפען קיין צרות דעם לעזער און צושויער, וויל איהם מאכען גוט פיה־לען, אדער גאר פארדומען. ביי וואסערמאנען, דאגעגען קומט אזא זיג פון דער טוגענד אלס דער אומפארמיידליכער רעזולטאט פון א העראאישען קאנפליקט צווישען צווייערליי גרויסע כחות; ניט כדי צו לאבען די געקרענקטע געמיטער פון די נאאיווע לעזער, נאר ווייל דער קינסטלער וויל, אז עס זאל אזוי זיין, און ער קען זיין ווילען אזוי קינסטלע־ריש אויסדריקען, אז דער לעזער פיהלט, אז עס קאן און טאר

אנדערש ניט זיין. מיט אנדערע ווערטער האבן מיר דא ווידער אן אויסדרוק פון דעם קינסטלערישען אמת.

אן ענגלישער שרייבער איבער ליטעראטור דריקט זיך אוים אין א בוך, אז דער איינציגער ווערט פון א ליטעראַרישען ווערק איז צו וועקען בעסערע, שענערע געפיהלען, די נאָבעלערע זייט פון דער מענשליכער זעל. די וואס טוען דאס ניט, האבען, לויט זיין מיינונג, אבסאלוט קיין פלאץ ניט אין דער ליטעראטור.

אויב דאס איז א ריכטיגע אפשאצונג, האלט וואסערמאַן אוים דעם ליטעראַרישען עקזאמען פולשטענדיג. איינער פון די ראמאנען פאר וועלכען ער וואלט ביי אזא עקזאמען באקומען פולע הונדערט, און וואו זיין עטישער לעבענס־פרינציפּ קומט אם בולט'סטען ארוים, איז דער ראמאן: „די מאסקען פון ערווין ריינער".

דאס דאזיגע בוך האט ארויסגערופען א היבשע פּאלעמיק. מאנכע דייטשע קריטיקער זיינען געווען געניינגט עס אנצונעמען פאר א „בוך פון פארצווייפלונג", פאר א פעסימיסטיש ווערק, וואו עס ווערען בלויז געשילדערט די מאוסע זייטען פון דעם מענש, און וואו עס ווערט באטאנט די ממשלה וואס דער טייוועל פון שלעכטס האט אויף אונזער לעבען. וואסערמאַן האט זיך געפיהלט געצוואונגען אליין צו ענטפערען אויף דער קריטיק און ערקלערען, וואס ער האט מיט זיין ראמאן באצוועקט.

ערווין ריינער איז די פארקערפערונג פון אונזער גאנצער איצטיגער קולטור. דער שפּיץ, וואס די היינטיגע ציוויליזאציע האט דערגרייכט. א זוהן פון א ריזיג־רייכען מיליאנער, האט ער באקומען א גרינדליכע דייטשע אוניווערזיטעט־בילדונג. אליין א ווייסענשאפטסמאן, העכסט־געבילדעט, העכסט־אנטוויקעלט און קולטורעל. אלץ, וואס ער וויל, קאן ער קריגען איז אדאנק זיין געלט, אי אדאנק זיין הויכער אינטעליגענץ. ער האט אויך א שטארקען ווילען. איז אבער פול מיט צווייפלען. ער איז אי־

בערגעזעטיגט. אלץ גיט זיך איהם לייכט, ווי א מין זעלבסטפארשטענדליכע זאך. ער ווייס בלויז זיין ווילען און זיין מאכט. דאס דעמאראליזירט איהם. ער איז א געוואלטיגער, פינסטערער עגאאיסט, האט ניט קיין שום סקרופולען. זיין גרעניצלאזען עגאאיזם ב א ג ר י נ ד ע ט ער מיט טעאריעס. מען דארף זיין א עגאאיסט. דאס לעבען האט ניט קיין שום ווערטפולעס אין זיך, צוליעב וואס עס זאל זיך לוינען צו פארבייגען דעם ווילען, מקריב צו זיין דעם מינדסטען קאפריז.

און אט דער שטארקער מענש, אט דאס „זאנענקינד" טרעפט זיך צונויף מיט אן אנדער שטארקען ווילען, מיט דעם ווילען פון א ריינער, אונשולדיגער מיידעל: ווירגיניא.

טרעפען טרעפט ער זיך מיט איהר דורך א צופאל. ווירגיניא איז די כלה פון מאנפרעד'ען, ערווין ריינער'ס פריינד. מאנפרעד מוז אבער אוועקפאהרען און ער בעט זיין פריינד, אז ער — ערווין — פון וועלכען ער האלט א וועלט, און אין וועלכען ער איז אבסאלוט איינגעגלויבט, זאל אויפפאסען אויף איהר אין זיין אבוועזענהייט.

ערווין נעמט אן. אבער ווען ער דערזעהט ווירגיניא'ן, ווערט ער א פארציטערטער. זי איז אויסערגעוועהנליך שעהן. ער באשליסט גלייך זי צו קריגען. וועט ער זיך אפשטעלען צוליעב דעם, וואס ער וועט דערמיט פארראטען זיין פריינד? וועט ער זיך אפהאלטען פון זיין וואונש, ווייל ער וועט דערמיט אפשר אומגליקליך מאכען דעם מענש, וועלכער האט צו איהם אזא שטארקען צוטרוי? לעכערליך. דאס איז פיליסטערישע מאראל. ערווין ריינער האלט ניט דערפון. איהם געפעלט ווירגיניא און ער מוז זי קריגען.

איז ער אליין פארליעבט אין איהר? ניין. ער איז צו ערפארען, פרויען האבען זיך איהם געגעבען צו לייכט, אז ער זאל האבען אזא געפיהל. ער וויל ווירגיניא'ן, ווייל זי רייצט איהם

מיט איהר אונשולד. ביי איהר איז נאָך די פרוי און דער סעקס ניט דערוועקט. און ער — ערווין ריינער — וויל זיין דער, וואָס וויל דערוועקען און אויסנוצען די געשלעכטליכע ליידענשאַפט, ביי אַט דער שעהנהייט, ביי אַט דער פרוי, וואָס איז אַזוי קער־פערליך און גייסטיג פערפעקט.

אבער ווירגיניא האַט אויך אַ שטאַרקען כאַראַקטער. זי ליעבט מאַנפרעד'ען. יעדענפאַלס ליעבט זי ג י ט ערווין ריי־נער'ן, און זי וועט זיך ניט איבערגעבען אַ מאַן אהן ליעבע.

שפּיעלט זיך אָפּ אַ מורא'דיגער ראַנגעל. אַ פורכטבאַרער קאַנפליקט: צווישען דעם שטאַרקען, אויף אַלץ פעהיגען, פאַר קיין זאַך זיך ניט אָפּשטעלענדען מענליכען ווילען און דעם שטאַרקען ווילען פון אַ ריינער פרוי. ערווין טוט אַלץ צו דער־גרייכען זיין ציעל. ער קויפט מיט געלט אָפּ איהר מוטער. ער פאַרנאַרט זי אין פאַרשיעדענע פּלעצער. אבער עס העלפט ניט. ווירגיניא בלייבט אַ פעסטונג, וואָס ער קאָן ניט ערֶאָבערען.

ער יאָגט זי ווי אַ יעגער אַ חיה אין וואַלד. ער מאַטערט זי אויס מיט זיין געיעג. אבער אַלץ אומזיסט.

ענדליך ברענגט ער זי דורך אַ שווינדעל צו זיך אין הויז, וואו ער האַלט זי פאַרשפּאַרט. דאָרט ראַנגעלט ער זיך ווידער מיט איהר. שוין ניט גייסטיג, נאָר פּשוט פיזיש. זי האַלט זיך נאָך אַלץ. ביז — זי האַט מעהר קיין כח ניט. דאַן זאָגט זי צו איהם:

„נעם מיך. טו, וואָס דו ווילסט. אבער ווייס: ליעב האָב איך דיך ניט."

אויף אַ מינוט ווערט ער פאַרוווירט. ענדליך איז ער ביי זיין ציעל. אבער פּלוצלינג שטעלט ער זיך אָפּ. ער דערפיהלט, אַז ער איז באַזיגט. ער דערפיהלט מיט אַמאָל, אַז ער איז דערווייל טאַקע אין איהר געוואָרען פאַרליעבט, און אַז וואָס ער וויל — איז איהר אמת'ע ליעבע, און ניט בלויז איהר לייב. דאָס קאָן ער

אבער ניט קריגען. ער האט פארשפיעלט. און ער נעמט זיך דאס לעבען.

ווירגיניא געהט צוריק צו מאנפרעד'ען, וועלכער קעהרט זיך אום פון זיין רייזע אויף דעם אלארם־רוף פון א פריינד, וועלכער זעהט און וויים אלע אבזיכטען פון ערווינען.

וואסערמאן פארענדיגט זיין ראמאן אזוי:

„די קלוגע און גרויסמוטיגע צייט האט באוויזען די פעסט־קייט פון אלץ: פון דער ליעבע; פון דעם געפיהל, וואס פאר־מאגט די פרייע אויסוואהל; פון ערהאבענער עהרענהאפטיג־קייט, וועלכע דארף זיין אויך אין דער ליידענשאפט, און פון נא־בעלער זעלבסטבאשטימונג, וואס טראגט דאס לעבען פון א בלינ־דען, סטיכישען דראנג — ווי דעם זאפט אין דעם לעבעדיגען שטאם פונ'ם בוים — צו די פריידיגע שטראלען פון דער זון."

אויב עס וואלטען געפעהלט אנדערע באווייזען, אז וואסער־מאן האט מיט זיין ראמאן ניט געמיינט אנצושרייבען א „בוך פון פארצווייפלונג", א ווערק, וואס זאל באווייזען דאס אבסא־לוטע, הערשענדע און אומפארריכטבארע שלעכטס, וואלט אט דער זאץ געווען באווייז גענוג. אין איהם באטאנט ער שארף זיין גלויבען אין טוגענד און אין עהרענהאפטיגקייט; זיין אי־בערצייגונג, אז דאס גרעסטע פארגעניגען, די פארכאפענדסטע ליידענשאפט, מוז אין זיך האבען עהרענהאפטיגקייט; ווי אויך זיין אמונה אין דעם ענדגילטיגען זיג פון אט די עטישע פרינ־ציפען איבער שלעכטס און שמאד.

ווי געזאגט, מאכט אט דער גלויבען אין טוגענד און אין איהר שליסליכען נצחון פארט אביסעל א פריקרען איינדרוק. דאס איז אבער וואסערמאנ'ס טיעפע, איניגע איבערצייגונג. דאס איז ביי איהם ניט קיין ט ע נ ד ע נ ץ. דאס איז זיין קינסט־לערישער קרעדא. דערפאר שטערט דאס איהם אבסאלוט ניט צו זיין דער אמת'ער, גרינדליכסטער פסיכאלאג אויף דער גאנ־

י. וואסערמאן

צער לענג פון דעם ראמאן. שוין צוליעב דעם, ווי מייסטער־האפט ער שילדערט די מענליכע נאטור, עוולכע ראפינירט און קולטיווירט ווי זי איז ניט, שטרעבט זי דאך מיט דער פרימיטי־ווער געוואלט פון א ווילדען „ער“ — בלויז מיט אנדערע, ראפי־נירטע מעטאדען — צו געווינען די „זי“. שוין צוליעב דעם אליין זיינען די „מאסקען פון ערווין ריינער“ א וויכטיג, קינסטלעריש ווערק.

6

פסיכאלאג — דאס איז וואסערמאן אומעטום. קינסטלער פון דער מענשליכער זעל, מיט א מערקווירדיגער פעהעגקייט ארויסצובריינגען אלע אומבאקאנטע קנייטשען, שאטירונג, קוים געזעהנטע ניואנסען. צי ער האט אלס מאטעריאל פאר זיך א מענש פון זיין צייט, צי גאר א פיגור פון דער גראהער פארגאנגענהייט, ווי אין זיין היסטארישען ראמאן „אלעקסאנדער אין באבילאן", וואו ער שילדערט אלעקסאנדער מוקדון'ען אין זיין צוג צו ערגבערען די אנטיקע וועלט; צי א פרימיטיווע, נאאיווע זעל, וועלכע פאלט פלצולינג אריין אין דער ציוויליזירטער וועלט, ווי אין זיין ראמאן „קאספאר האוזער" — אומעטום איז ער פיינסטער ,טיעפסטער פסיכאלאג, גרינדליכסטער מענשען-קענער.

און אויך מייסטער פון סטיל! זיין שפראך איז א ווערק פון שעהנקייט. עס איז אביסעל קאמיש, יא, טראגי-קאמיש, ווען דאס דייטש פון א איד מוז געריהמט ווערען אפילו פון אזא אנטיסעמיטיש בלאט, ווי די אמאליגע שווארצע בערלינער „קרייץ-צייטונג". רעדענדיג וועגען איינעם פון וואסערמאן'ס ראמאנען דריקט זי זיך אויס, אז די שפראך דארט איז „א מוסטער פון אונזער לשון."

וואסערמאן אליין ווייס אויך, אז ער איז מייסטער פון סטיל, אבער ער ווערט אומגעדולדיג, ווען די קריטיק פארצייכענט בלויז די שעהנקייט פון זיין פארם, באהאנדלענדיג א געוויסען ראמאן זיינעם און דעם אינהאלט פארזעהט זי. „וואס טויגען מיר די לויבען פון מיין סטיל, די באמערקונג פון דעם אדער יענעם ארנאמענט", שרייבט ער אין זיין ענטפער אויף א קריי-

טיס פון זיינע „מאסקען פון ערווין ריינער“, אז מען מיספאר־שטעהט און מיסרעפּרעזענטירט דעם אייגענטליכען זין פון דעם בוך?“

האבען מיר דא ווידער די אידישע פארליעבע צו דעם תכן, צו דעם „אל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו“?

מילא. וואסערמאן מעג זיך טאקע אליין ניט צופיעל האלטען פון דעם סטיל. אונז, די לעזער, קאן עס פונדעסטוועגען ניט אפּהאלטען פון ענטציקט צו ווערען פון דער שעהנקייט, וועלכע ער האט ווי פינקלענדע פּערעל, בריליאנטען, רובינען, אפּאלען, אמעטיסטען, סמאראגדען און אנדערע עדעל־שטיינער אריינגע־פּאסט אין זיינע ראמאנען.

חוץ דעם זין, וואס ער האט אריינגעלייגט אין זיינע „אידען פון צירנדארף“ מוז מען מיטגעריסען ווערען פון דער פיינער, דורך דער שעהנקייט אליין ווירקענדער פארם פון דעם ראמאן. באזונדערס רייצענד איז דער פּראלאג. די גראנדיעזע בילדער, וועלכע ער מאלט דארט אויס, די אריענטאליש־בונטע פאנטאזיע, וואס ער פלעכט דארט אריין, דער ליידענשאפטלי־כער פּאטאס, מיט וועלכען די גאנצע זאך איז באהויכט — דאס אלץ האט געוויס ניט קיין קליינעם חלק אין דעם גרויסען איינ־דרוק, וואס דאס גאנצע בוך האט אומעטום געמאכט.

שטאלץ מעג זיין די שפּראך, וועלכע האט געדיענט אלס א קאגווע פאר א וואסערמאנ'ען אויסצוהעפטען אויף איהר זיינע בילדער, פאר דעם געפעם אריינצוגיסען אין זיי זיינע אידעען, זעהונגען און שטרעבונגען. רייכער ווערט די פרעמדע שפּראך און ליטעראטור, וועלכע נעמען אין זיך אריין וואסערמאנ'ס ווערק.